שני מאמרים מהגה"צ אב"ד וואודרידש שליט"א

יסודות בענין "חינוך הבנים והבנות"

יום ג אמור תשע"ז   718-906-6428--#5-#234

להבהרת הענינים, טוב
לשמוע ע"י הטעלעפון
"אינו דומה שמיעה לראיה"

דאס ענין פון אל תגעו במשיחו ובנבואי אל תרעו, דאס ענין אוועק שטעלן תלמוד תורה'ס, ווי מען הייבט אן מחנך צו זיין קינדער פון קינדווייזאויס, אין אוועק שטעלן זיי, די יסודות פון קבלת התורה, אין אמונה אין די חכמי ישראל אמיתים, תורה שבכתב, תורה שבע"פ, מנהגי ישראל, גדרים וסייגים, האט מען זייער אבאך געגעבן, אז תלמוד תורה, מלמדי תינוקת, אין נאכדעם שפעטער א ישיבה רב ותלמידיו, זאלן איבער געבן די ריינע קבלה אין מסורות התורה, אן קיין שום פריוואטע אפגעזונדערטקייט, וואס בויט אויס א חוג בפני עצמו, א קרייז בפני עצמו! וואס דאס איז שוין די הירוס אין די עצם קבלת התורה, דאס איז די שטארקע יסודות, וואס אינזערע רבי'ס האבן געלייגט אויף דעם א דגוש נפלאה. ת"ת זאלן זיין זויבער, אריין ברענגען אמונה אין די חכמי ישראל, תורה שבכ', תורה שבע"פ, אין ברענען פאר א יעדען דבר שבקדושה, אבער קיין שום אפגעזונדערטקייט מיט קיין פריוואטקייט, נסחאות! מנהגים! ביי אונז האט מען געטוען! דאס האט מען זייער אבאך געגעבן.

ביז צו די קריג איז דאס געווען א דבר פשוט מאוד, עס איז געווען ת"ת אין די גרעסערע שטעט, אדער די בעלי בתים האבן געדינגען פריוואטע מלמדים, אין די עיקר איז געווען צו לערנען, אריין ברענגען אין א אידיש קינד אהבת התורה, יראת שמים, אין מדות טובות, פון בויען א מקום, אז די מקום זאל אויסשטעלן עפעס א געוויסען פריוואטן גאנג, אנדערש פון כלל ישראל פון דעם האט מען זיך געהיטען ווי פון פייער, דאכט זיך מיך אז דער גאון וצדיק ר' ראובן גארזאווסקי רירט עס אן אין זיין ספר'ל, אז אפילו די גוים האבן אמאל געוויסט, אז ווען עס קימט צו עדיקעישן מישט מען נישט אריין קיין רעלוגיא קיין שום פריוואטקייט, אין דאס איז דברים פשוטים ובהירום. להבדיל ביי אינז, וואס מען האט אינז איבער געגעבן די ריינע תורה, קיינמאל נישט אפגעזונדערט, מיט קיין שום ענינים פרטיים, שפעטער ווען א איד וואקסט אויס אין ער הייבט אן צו שפירן מצד זיין נשמה, א געוויסען משיכה צו עבודת השם, האט ער געצויגען ווי א מאגענעט, צו א געוויסע צדיק, צו א געוויסע עבודת השם, וואס איז געווען זיין משיכת הלב, דאס איז נישט געגאנגען מיט קיין פראפיגאנדע, נישט געגאנגען מיט קיין התפעלות החיצוני, עס איז געווען א ענין וואס האט אים געצויגן מצד נשמתו, אבער ביז דערווייל ווילאנג ער האט נישט ממלא געווען כריסו בש"ס ופוסקים מיט תורה ויראת שמים, איז ער געווען א חלק פינעם כלל ישראל, וואס מיט דעם איז ער געבליבן ביז סוף ימיו.

אין בכלל די ענין פון א כלליותדיגן ציבור פון עובדי השם, עיין בתשובת חת"ס או"ח סי' קצז' די "מרגלא בפימיה". דאס איז די, אל תגעו במשיחו ובנבואי אל תרעו, ריין איבער געבן פאר בחורים פאר קינדער פאר אידישע טעכטער, ריין תורה, ריין אמונה, דאס טרינקט א אידישע נשמה מיט דארשט, טאמער הייבט מען אן מיט פריוואטקייטן ברענגט עס ארויס א געוויסע גיעול נפש, עס ברעכט אויס, עס ארבעט נישט, ווייל די נשמת ישראל איז א כלליותדיגע ענין וואס איז מקושר צום כלל ישראל, אין כביכול צום בורא כל עולמים.

נאך די קריג, איז געווען א שעת חירום, איז אויס געוואקסן אזא מין טימעל, אז ת"ת איז נתייסוד געווארן אויפן חשבון צו בויען אייגענע קרייזן, אייגענע חוגים, וואס אינזערע ערליכע אידן האבן דאס גועל נפש געווען, פאר די קריג איז דאס נישט געווען, להבדיל נאר ביי די קאטוליקן איז דאס געווען, ביי די פאראקיע סקול'ס, אין נאך די קריג האט זיך אנגעהויבן א נייע תקופה, אין בפרט נאך ווען עס איז נפרץ געווארן חינוך הבנות, איז דאס געווארן א פרישע זאך, **אידישע טעכטער ווערן מחונך אין א געוויסען קרייז, מיט א געוויסע אידילאגיע, א געוויסע חסידות, א געוויסע שיטה, א געוויסע אפגעזינדערטקייט, אפילו די לבוש פון קינדער בחורים, אינגעלייט, דערקענט מען עפעס א חילוק, דאס ענין איז א מצב היפך התורה,** אין אינזערע ערליכע אידן האבן אויף דעם געצוטערט, אין זיי האבן פראבירט צו שטיין על המושמר אויף וויפיל זיי האבן געקענט, אין זיי האבן טאקע מייסד געווען ת"ת ריין, די ערשטע ת"ת א זויבערע אין וויליאמסבורג, וואס איז געווען לפי רוחינו, האט מייסד געווען די גאון וצדיק די בעל מגדלות מרקחים די צעלימער רב, מיט זיין קהילה, לצורך הציבור, אז אידן זאלן לערנען תורה ריינערהייט. עס איז שוין געווען פארדעם א ריינע ת"ת "תורה ודעת" אבער תורה ודעת האט שוין געמישט, "תורה" מיט "דעת" אביסל, אין עס איז געווען אביסל אויף אן אויפן, וואס איז געווען ווייט פון אינזער סארט חינוך, מיר וועל נישט אריין גיין אין קיין פרטים, עס האט אויך געטוען גדולות ונצורות, אבער עכ"פ עס איז נישט לפי רוחינו, איז דאס געווען א ת"ת וואס איז געווען זויבער.

אין שפעטער מו"ר די בעל דברי יואל, האט אויך געהאט א קהילה, אין ער האט פארשטאנען, אז עס פעלט אפשר אויס נאך שטארקער אין געוויסע ענינים, האט ער אוועק געשטעלט א ת"ת פארן ציבור (איך וועל נישט רעדן יעצט פון די ארימיגע וואס האבן עס אויסגענוצט, אין זיי האבן פארקירעוועט רצונו מיט א פריוואטקייט) ער האט נישט א נאמען געווען די ת"ת מיט קיין שום פריוואטקייט מיט זיין נאמען. למשל די קהילה האט ער אוועק געשטעלט אוף זיין נאמען, "יטב לב" כידוע. אין אפילו בית רחל וואס איז געווען אויף זיין טאכטער'ס נאמען, אבער די שורש איז געווען "תורה ויראה", דאס איז געווען די נאמען, אנשטאט "תורה ודעת" "תורה ויראה"! זויבערקייט, נקיות!.

אין אינזערע מלמדי תינוקת (וואס אינז האבן זוכה געווען צו זיין, פון די ערשטע אינגלעך) האבן מיר געהערט ריינקייט, קיינמאל נישט קיין פריוואטקייט, דאס איז געווען די הדרכה פון אינזערע גדולי ישראל, אין בפרט מו"ר בעל דבר"י, נישט פארקויפן קיין פריוואטקייטן דא, קיין שום ענין פרטי, נאר לערנען גמרא מיט תוס', חו"ר, קיצור שו"ע, מוסר, אורחות צדיקים אנדערע, אין מען האט געווארעמט אידישע קינדער, מיט אביסל סיפורים פון גדולי ישראל, פון אלע גדולי ישראל! נישט נאר פון קיין משפחתיות, ווייל פון די אלע ענינים האט מען געציטערט, אין זיך געהיטן פון די זאכן.

צו עס איז אוועק געשטעלט געווארן א ת"ת פאר די אויבערלענדע אידן, פון קהילות יעקב פאפא, איז אויך געווען א ת"ת, זויבער פאר דעם ענין. דאס איז געווען די ערשטע ראשית, ווייל אזוי זענען אינזערע גדולי ישראל נתחנך געווארן אז עס איז דא א ריינקייט אין קבלת התורה,

בהמשך די יארן, האט זיך געטוישט דאס ענין, אין לײדער פון די פרעמדע וועלט זעמיר מושפע געווארן, אין די פרעמדע וועלט פון די נוצרישע וועלט להבדיל, אין מען האט אנגעהויבן צו מאכן די ת"ת פאר א מטרה עצמיות צו בויען אידישע קינדער, פארדרייען די קעפ פון קינדווייס אויז, זאל די אייבישטער אפהוטען, דאס ענין איז א חורבן עולם פאר ווער עס קען אביסל, עס איז ממש סכנת נפשות צו שיקן א אידיש קינד צו די ת"ת, ווי מו"ר די סאקמער רב האט געציטערט פון דעם, אין ער האט אין מאנסי אנגעזאגט, אינז וועלן נישט אריין גיין יעצט אין קיין פרטים, ער האט זיך נישט געחלומט אז פון זיין אייגענע ת"ת, וואס עס ברויך זיין א זויבערע ת"ת, זאל ווערן אזא סילוף נורא.

איך שיהיה פון די אלע ענינים האבן מיר שוין גערעד, מיר ווילן נאר אנרירען א נקודה. איינס פון די זאכן, וואס די וואס זענען דוגל בשם מו"ר האבן געוואלט מיט דעם מאכן א חוג בפני עצמם, האבן זיי גענימען די מלחמתה של תורה פון מו"ר וואס איז געווען בשעתו (מלחמת ה' איז דאך פארן נצחיות התורה, א יעדעס מאל מיט זיין נסיון) אין אז דעלמאטץ איז געווען א נסיון אין ארץ ישראל מיטן השתלטות הממשלת המרשעת האט ער די ארץ ישראל'דיגע מדריך געווען ווי אזוי זיך צו היטן אין די ענינים, מיר וועלן נישט אריינגיין אין די פרטים. דא אין אמעריקא איז דא די נסיונית אמעריקא ברויך מען האבן, דא די וועגן וויאזוי, אבער דאס גייט אריין אין כלליות פון קיום התורה, מקים צו זיין עולה של תורה. מאכן פון ענינים א פריוואטע אדשענדע אין מיט דעם בויט מען א חוג, אין מיט דעם בויט מען א געוויסע קרייז, משונה פון אנדערע, דאס איז דאך לא עלתה על דעתו זיך משתמש זיין מיט די תורה הקדושה, מיט מלחמתה של תורה, אין מועל זיין בקודש הקדשים, אין ניצען פאר אייגענע אינטערעסע, דאס איז דאך דברים פשוטים ובהירום וברורים.

אבער בהמשך היארן, א יעדע מקום זיכט דאך עפעס א געוויסע אפגעזינדערטקייט, כדי ער זאל קענען בויען זיך, ווייל די תכלית פון די מטרה איז שוין נישט קיין "תלמוד תורה", די תכלית פון די מטרה פון די אלע פלעצער איז, מגדל צו זיין טופשים פאר זייער משפחתיות'דיגע חוג, אין דאס גאנצע תורה איז געווארן אן "אמצעי" צו דערגרייכען די מטרה, די אייבישטער זאל אפהוטען. איז די וואס זענען דוגל בשם מו"ר, וואס האבן זיי געקענט פארקויפן, וואס קענען זיי נעמען?, דארט ווי עס איז געווען א נקיות, כדרכם של רבותינו יוצאי בית מדרשו של החת"ס ותלמידיו ותלמידי תלמידיו, אין יוצאי בית מדרדשו של רבינו מצאנז אין די אלע תלמידים זיינע, וואס קען מען שוין פארקויפן א פריוואטקייט?, האט מען גענימען די עצם מלחמת ה', אין גענימען דעם "ציוניות" אין געמאכט דערפין א געוויסער אפגעזינדערטע גלויבען, אין מיט דעם וועט מען בויען דעם חוג, זיך משתמש זיין מיט דעם, נורא נוראות להמתבונן אמיתי.

איינס פון די זאכן וואס זיי האבן זיך גענימען צו פארקויפן יארן, אז די רצון של מו"ר איז געווען מען זאל מאכן שיעורים, אין "ויואל משה", שיעורים אין קונטרס "על הגאולה ועל התמורה", אין דאס וועט ראטעווען די "אמונה" וויל מיר מגלה דעת זיין קלאר, מיר האבן דאס שוין געזאגט כמה פעמים, דאס איז "שקר וכזב", מעולם לא רצה, ער האט קיינמאל נישט מעורר געווען דערויף, ער האט קיינמאל נישט גערעד פון דעם, ער האט געשריבען דעם בירור איבער די ענין פון בחירות פאר די ארץ ישראל'דיגע אידן. עס איז געווען די התפעלות הנצחון תשכ"ז, האט ער געשריבען קיין ארץ ישראל דעם קונטרס אפציראטעווען, אז מען זאל נישט נתפעל ווערן פון די הצלחת הרשעים, אשר אין כאן מקומו עכשיו להאריך תשע"ז מער, אין די ענינים וואס איז נוגע געווען מער תשכ"ז, אבער עס איז יעצט נישט די צייט אריין ציגיין, אבער מאכן פון דעם א פריוואטען שיטה הקדושה, פון אפזינדערן פון כלל ישראל, אז אינז האבן א געוויסע ספר וואס בויעט אינז די אמונה, אפילו אין אמעריקא, אין מאכן שיעורים דערין, אין מאכן טעסטען אויף דעם, אין צאלן געלטער, אין גאנצע קביעות'ן, מעולם לא עלתה על דעתו, פונקט פארקערט, ער האט זיך אויסגערעד פאר ידידים זיינע, אז איך האב קיינמאל נישט געשריבען מיין חיבור פאר די אמעריקאנע אידן, כידוע כידוע, ער האט קיינמאל נישט מעורר געווען, ער האט קיינמאל נישט מעודד געווען, מען זאל לערנען די ספרים, אין די ישיבה, צו מען זאל רעדן אין די חדרים, **אינז האבן קיינמאל נישט געהערט פון אינזערע מלמדי תינוקת, אן אות אחת איבער די רעיון הציונית בימים ההם, מיר האבן נישט געוויסט פון קיין ה' אייר ציזאגן, מיר האבן גארנישט געוויסט, וואס דעלמאטץ איז נאך געווען בתוקף פון די מדינה, מען האט געלערנט ריינע תורה, מען האט נישט געמאכט קיין שום פריוואטקייט, דאס איז קלארע דיבורים, בלתי שום ספק.**

אין קיינמאל נישט מעודד געווען בחורים מען זאל לערנען שיעורים אין ויואל משה, עס איז נישט געווען אזא זאך, **אין די פתיחות וואס ער האט גערעד צו די בחורים האט ער ניטאמאל דערמאנט א ווארט וועגן די מלחמת הממשלת המרשעת אין ארץ ישראל, קיינמאל נישט, אפילו תשכ"ז נאך פסח ווען עס איז געווען אנגעצויגן די מצב אין די גרעניצען אין ארץ ישראל, קען מען זעהן אין די פתיחה ער האט נישט גערעד קיין איין ווארט פון די גאנצע ענין,** כידוע כידוע, די אלע ענינים, ער האט קיינמאל נישט מעודד געווען, אין קיינמאל נישט מעורר געווען, אין קיינמאל נישט געפאדערט אז מען זאל מאכן שיעורים אין די ספרים, לא עלתה על דעתו. מען האט געלערנט סוגיות, מעו האט געלערנט על הדף, מען האט געלערנט חו"ר עם רמב"ן, מען האט געלערנט חובת הלבבות, מען האט געלערנט באר מים חיים, דאס איז געווען די עיקר שבעיקרים. מיר מיזען דאס קלאר שטעלן די זאכן, איך בין געווען די ערשטער, וואס האט תשכ"ח באנאכט אביסל, (עס איז געווען דארט א הפסק) האב איך ציזאמען גענימען בחורים אין מען האט געלערנט סימנים אין ספר "ויואל משה", מיר געדענקען נאך ווען הרה"ח ר' מרדכי לייב טירנויער (וואס ער פלעגט אויך זיצען ביי די שיעורים, אין נאך תלמידי חכמים יראי השם מלמדי תינוקת פלעגן קימען צו דעם שיעור) האט ער מיר פארציילט, אז ער איז געווען אין בעלהארבער ביי מו"ר דעלמאטס, ער האט איבער געגעבן אז מען לערנט א יעדע נאכט א שטיקל ויואל משה, האט ער געשמייכלט עס איז געווען ביי אים אזא חידוש, מעולם לא עלתה על דעתו, קימט מען היינט אין מען מאכט גאנצע פראפעגאנדעס אין די ישיבות, מען זאל מאכן שיעורים טאג טעגליך אין על הגאולה ועל התמורה, מחזק זיין די אמונה, בחורים אינגעלייט ווייסן נישט וואס טוט זיך מיט זיך נעבעך, זיי ווייסען נישט וואס הייסט מינות, אין וואס הייסט הורהור מינות, אין מען מאכט נאך גאנצע (אויף עברית הייסט עס) בחינות, טעסטען, אין מען גיט פרסים, כדרכם פון אלע פראטייעשע חסידות'ן וואס

פארקויפן זייער פראפעגאנדע אויף זייער אויפן, זעמיר אינז געגאנגען וילמדו ממעשיהם, איכה יעבדו הגוים את אלוהיהם. קיקטס אריין אין די כתבים וואס עס איז אפגעדריקט פין כבוד מח' הגה"צ ר נתן יוסף מייזעלס רב דביהמ"ד אבני שלמה במאנסי זצ"ל, וואס ער איז געווען יד ימינו אין הרבצת התורה יארן לאנג, ווי ער שרייבט עס אפ, ווי ער האט זיך געהוטען פין יעדען בליטה, פין יעדען אפגעזינדערטקייט מיט א ריינקייט, קוקט ווי ער שמועסט עס אויס, וועט עטס זעהן ריין. קימטס נישט פארקויפן שקרים וכזבים, אין מאכן נאכדעם שיעורים, עד כדי כך, אז איך האב געהערט זאגן אז עס איז דא פלעצער, ווי פרייטאג פארן זמן, ציגרייטען צי קבלת שבת, לערנט מען פאר קונטרס על הגאולה ועל התמורה, ווי האט מען נישט קיין שכל אביסל ווארימקייט צי א חסידיש ספר, וואס האסטו מיט דעם, ווי קימט עס אריין יעצט, עס איז דא פלעצער ווי מען לערנט פאר, ביי שלש סעודות, ווי קימט עס אריין אהער פאר די בחורים אנציווארעמען, וואס טומעלט עטס מיט אזאך וואס איז דבר והיפכו, מעולם לא עלתה על דעתו. אין וואס כותלי ביהמ"ד זאל זיין אנגעפילט מיט צעטעלעך אין פעיפערליך אויף די קביעות השיעורים פין א יעדען טאג, אין מיט כל מיני דרשות'ן, אין אוועק גיין פין אינזער קבלה, ריינע קבלה. א ישיבה אין א ת"ת ברויך זיין זויבער דאס איז אינזער קבלה פין אינזערע רבי'ס, זויבער פין אלע געוויסע יחידישע זאכן, נישט דא קיין יחידישע עבודה, קיין יחידישע מלחמת ה', אלס גייט אריין בתוך עמי אנכי יושבת, כלל ישראל, דאס איז די יסוד, ריין ריין פין א יעדע מנהג פרטי, מען האט קיינמאל נישט אויסגעפאדערט ביי אינז אז מען זאל לערנען א געוויסע ספר, קיינמאל האט מען נישט גערעד פין די ענינים, אלע מיינע רבי'ס וואס מיר האבן זוכה געווען צי משמש זיין, האבן קיינמאל נישט מעודד געווען מען זאל לערנען די ספרים, מען האט קיינמאל נישט גערעד פין דעם, אז די ספרים פין אינזער משפחה, צי פין דעם גזע, מען האט נישט גערעד, עס איז געווען א כלליות'דיגע ריינע זאך, קיקטס אין הערטס אין זעהטס אין פארשטייס, עס איז זויבער, זויבער, זויבער, יעדעס ווארט פין די ספרים, ווער עס לערנט דאס, אין ווער עס קיקט דאס מיט א ריינע הארץ, וועט דאס זעהן דעם נקיות שבנקיות, עס איז נישט דא קיין שעבודים צי גארנישט שבעולם, נאר צים אייבערשטען אין צי דעם ריינע תורה קבלת משה מסיני, דאס איז קלאר די ווערטער וואס איך האב געזעהן ביי אלע אינזערע ערליכע אידן.

איך האב געזעהן ביי מיין רבין קיוויאשד רב ז"ל. אין ווער רעד נאך פין דעם קראסנע רב ז"ל, וואס ער איז געווען דער נקי שבנקי, איבער צי געבן די מעתיקי השמועה פין קבלת התורה אין אלע ענינים. קיקטס אריין אין תורת א', זויבערקייט, אין אפילו די שאפראנע רב ז"ל ווען ער האט גערעד פאר די בחורים, האט ער קיינמאל נישט גערעד פין די ממשלת המרשעת. עס איז געווען געוויסע זמנים, למשל די פעטער די קראסנע רב ז"ל ביי פרקי אבות, ער האט גערעד פאר א גרויסע ציבור אידן פלעגט ער אנרירן, אבער פאר די בחורים האט מען אלץ געזעהן אז די ביהמ"ד זאל זיין זויבער פין אלעמען. אין וואדאי ווען עס גייט אריין אין א מלחמת ה', איז דאס א כלליות'דיגע תורה'דיגע רצון, אבער נישט קיין שום פריוואטקייט אפגעזינדערטקייט, כאילו אינז זענען מאמינים, אין יענער נישט, אין די אלע מינע לשונות, וואס ברענגט ארויס שנאת ישראל, פרודה לבבות, עס רירט אן אסאך מאל די נערוועו, אז מען קען נישט לעבן נאר כסדר שיסען אויף יענעם, אין מען האט נישט קיין אייגענע ד' אמות, אין עס קימט צי די מצב פין כד אלף תלמידים שלא נהגו כבוד זה בזה, מיט כל מיני בזיונות, אין עס ברענגט ארויס א גיעול נפש. הייינטיגע אינגעלייט אין בחורים וואס האבן א שטיקל ריינקייט, דערהייבן דאס מער נישט, אין זיי שטויסן אינזער קבלה, אין זיי זיכען אין די פרעמד פארדעם. ברענגטס נישט אריין די פרעמדע השפעות, דאס איז נישט געווען, אין עס איז נישט אויסגעהאלטן. אין אז די אייבישטער זאל מיך געבן די כוחות, בין איך גרייט צי ענטפערן פאר יעדע אידיש קינד, כקטן כגדול אליו תשמעון, בפרטיות ובכלליות. רייניקטס אויס די בתי מדרשים ענקערע, אין רייניקט אויס פין בחורים די שטותים, יעדע זאך האט זיך זיין תקופה אין זיין זמן, אז די ווילסט קיקן א שיינע ענין אין על הגאולה ועל התמורה, ווילסט קיקן אין ויואל משה, מהיכא תיתו, מאך אבער נישט קיין חוב, אין מאך נישט קיין קביעות כאילו מען גייט דא ראטעווען, ווי עס וואלט געווען א מצוה רבה פונקט ווי מען ברויך לייגען תפילין, אין שפעטער הייבט מען זיך אן צי כאפן ווי מען האט מטפש געווען. אויף טופשות האבן מיר געגוג אנדערע קרייזען וואס פארקויפן אמונות טופשיות, מיט אמונות טפילות, אינז ברויך מיר נישט דאס, עס איז דא שענערע פין דאס אין די ענינים, אינזער שטאלץ איז דאך די ריינקייט אין די קבלה פין אינזערע רבי'ס, ווי עס האט אויסגעזען די ריינקייט א ביהמ"ד ריין ריין פין אלעמען.

מיר האבן זוכה געווען צי לערנען ביים קראסנע רב ז"ל אין ביהמ"ד, דאס ריינקייט דאס זויבערקייט, זאל זיין געזינט אין שטארק דער גאון וצדיק די רב דביהמ"ד כוונת הלב, איז געווען מיט אינז דארט, דאס התמדת התורה די יראת שמים מיט אלעמען. אין שפעטער האבן מיר זוכה געווען צי זיצן בבית מדרשו של מו"ר קיוויאשד רב, וואס מימי ילדותי בין איך אויס געוואקסן תחת חסותו, אין שפעטער אין ביהמ"ד מיט זיין איידעם הגה"צ מהר"מ האלברשטאם, די ממלא מקום, ווי ער האט מיט אינז ג'לערנט, איסור והיתר ענינים, חולין מיט ע"ז מיט יורה דעה, אין ער אליינס האט מיט אינז ג'לערנט חו"ר, אין עוסק געווען אין אלע ענינים מיט א זויבערקייט א ריינקייט, א פייער פאר א יעדע דבר שבקדושה בכלליות. לאזטס נישט אריין אין די חדרים קיין פריוואטע ענינים, **מאכטס נישט פין דעם ה' אייר א איבערקערענישט, כאילו עס איז געווען עפעס א גאנצע מציאות, וואס מען מיינט אז מען ברויך עפעס טוען מאדנע זאכן, כדי מען זאל זיך קענען ארויס שטעלן אז איך בין דעם חוג, אין מאכן דערפון א דבר נפרד, מעולם לא שמענו ולא ראינו מרבותינו דאס ענין**, עס קימט פין פרעמדע פלעצער, ווייס איך נישט, קען זיין אויך מקורות טהורות, אבער נישט אינזער קבלה, דאס איז דברים ברורים אין בהירום. וכו' וכו'.

מאמר א' דר״ח אלול תשע״ז—#201 #4

המשך משיעור #199 #4

מיר ווילן אויך דא קלאר שטעלן, א ענין וואס מיר האבן עוסק געווען יעצט, ווי אזוי איבער צי געבן די מלחמת הציונית פין דורות. וואס מיר האבן זוכה געווען צי הערן מפי מו"ר דו"ז קראסנא רב זצ"ל, אין די וואכן, נאך די 6 טאג מלחמה אין ארץ ישראל תשכ"ז, ווי ער האט איבער געזאגט אז ער האט מעורר געווען, נאך מיט יארן פריער ביי א אסיפה פין התאחדות הרבנים (וואס התאחדות הרבנים איז געווען זיין ארבעט, אוועק צי שטעלן דעם היימישן קיבוץ פין אינזערע היימישע רבנים) אז מען זאל רעדן מיט אידישע קינדער, אזוי ווי מען הייבט אן צי לערנען חומש, צי א'-ב', די רעות הציונית, אין איין גדול אחד האט עס דארטן אפגעווארפן אין עס איז נישט נתקבל געווארן. לעניננו וויל מיר מסביר זיין, **אז ווען די גדולי ישראל האבן גערעד פינעם רעיון הציונית, האבן זיי גערעד פין די אורגענעלן עומק הטומאה פין די לאומיות, עוקר צי זיין דעם דת, וואס פאר די קריג האט דאס אפגעשמאט דורות, כידוע, זיי האבן נישט גערעד פין די חלק הלכה אין די בירור, וואס איז נתברר געווארן ע"י מו"ר אין ספר ויואל משה, זיי האבן געמיינט מען זאל רעדן פין די עצם טומאת הציונית, וואס איז מבואר אין דעם גרויסען וויכוח וואס הגה"ק די מהרש"ב האט געהאט מיט א גדול אחד פין די מזרחי, וואס איז געדרוקט אין קונטרס המעין, די עומק הטומאה פין די עצם טומאה הציונית, כידוע,** אין דאס איז א יסודות'דיג ענין וואס אידישע קינדער ווען זיי לערנען דאס, וועלן זיי דערהערן רוממות קדושות עם ישראל, די עם הנבחר, וואס אינז זעמיר מבדיל בין קודש לחול בין אור לחושך בין ישראל לעמים, דאס איז געווען די יסוד פין וואס מען האט גערעד, מען קען זעהן ווי מו"ר דו"ז זיינע ספרים, ווען ער ברענט וועגן די מלחמת הציונית רירט ער קיינמאל נישט אן די חלק הלכה פין שלש שבועות, ווייל נישט פין דעם האט ער עוסק געווען יעצט, ער האט גערעד פין די עצם טומאה, דאס וואס עס איז מבואר אין ספר ויואל משה איז א הלכה'דיגע בירור לגבי די איסור הבחירות, וואס די ענין האבן מיר אסאך מקבל געווען מפה לאוזן, פין ערליכע אידן גדולי ישראל, אין די גרויסען חלוקי דעות, אשר אכמ"ל בכל אלה. אין פארקערט, עס איז א דבר תמיהה פאר וואס טאקע האט מען מיט אינז נישט גערעד די יסודות אלס אינגעל אין חדר, וואס מיר קענען עדות זאגן ביז סוף שנת תשי"ט האבן אינזערע מלמדי תינוקת יראי ה', אחד יחיד ומיוחד הגה"ח ר' שלום אליעזר ווייס, ושני בדומה לו ידיד בית אבא הגה"ח ר' אברהם שמואל גוטמאן, אין דער איש צדיק וגדול בתורה ר' אלימלך לאנדא, אין דער גאון וחסיד מגדולי תלמידי מהרש"ג ר' לייב שפיטצער זצ"ל, ועוד. וואס מען האט זיי נישט געהייסען, אין זיי האבן נישט עוסק געווען אין דעם ענין, עס איז א שטיקל תמיהה פארוואס טאקע, אבער עכ"פ אזוי איז עס געווען, אבער דאס איז געווען די תוכן הענין וואס ער האט געוואלט מעורר זיין ביי התאחדות הרבנים. אין דאס איז ביסודן של דברים, די עצם עומק הטומאה, אין נאכדעם קימט דערצו די צירוף הלכה. אין ווער עס לערענט בעיון די הקדמה פין ספר ויואל משה וועט ער זעהן קלאר, נאר מען זאל עס קיקן גוט בעיון, ווייל עס איז געשריבען מיט אן אש קודש, אין אסאך מאל כאפט מען נישט דעם היקף, ברויך מען עס דארכגיין אפאר מאל, וועט מען דערהערן דאס וואס אינז שמועסן יעצט אויס, ואין כאן מקומו עכשיו להאריך יותר.

נאר מיר וועלן איבער זאגן, וואס תלמידים האבן אינז געזאגט, אז א ת"ח אחד האט זיך מתרעם געווען, ווען ער האט געזען דאס צעטיל אפגעדריקט, אין ער האט געהאט כמה תערומות אויף כמה ענינים אינזערע, אין אינז האבן ג'ענטפערט פאר אינזערע תלמידים, אז אינז ווייס מיר דעם ת"ח, ביודעי ומכירי קאמינא, ער איז א ת"ח גדול א יראי שמים, ואוריתא קא מרתחא ביה, לפי הבנתו אין דעם ענין, אין בפרט ער האט נאר געזען דאס צעטיל געדריקט נישט דאס איבריגע, אין בכלל ווי ער גייט צו צי דעם ענין, אין ווי ער פארשטייט די ענין, אין ער האט אלע רעכטן צי זאגן, ווי ער פארשטייט, ווי ער האט אפשר געהערט פין אנדערע ערליכע אידן. ואנכי הקטן, אנן בדידן, וועל מיר איבער געבן וואס אינז האבן פארשטאנען די שיח ושוג של רבותי נ"ע, אין ווי מיר האבן פריער געזאגט, מיר האבן מקבל געווען מפה לאוזן כמה ענינים, אשר אכמ"ל, מיר קענען נאר אזויפיל זאגן, הבוחר יבחר, יעדער וויאזוי ער פארשטייט זאל מקבל זיין, אין אינז זענען גרייט מברר צי זיין, אין מלבן צי זיין, אינזערע ענינים וואס אינז האבן זיך מייגע געווען יארן דערויף, אין קלאר שטעלן פאר יעדען שואל, לכל דורש ומבקש, כידוע מיר ענטפערן פאר א יעדע איד, אין מיר שטעלן נישט אפ, ווען עס קימט א שואל, צי א בחור, א אינגערמאן. די עיקר איז, מען זאל קענען רייניגען אינזערע הערצער וויאזוי עס זאל ארויסקומען די כבוד שמים, א נח"ר לאבינו שבשמים, אין אוועק שטעלן קלארקייט אין בהירות ביי אינגעלייט אין בחורים, אז זיי זאלן פארשטיין אינזער קבלה פין מלחמתה של תורה משוש דור ודור, בפרט פין הייליגע חת"ס אין הייליגען צאנזע רב זיעוכ"י, אשר מפיהם ומפי כתבם אנו חיים וקיימים, צי גיין מיט עזות דקדושה אין מיטן רוח גבורה, אבער עס מיז גיין מיט א גיוואלדיגן בהירות, אין א גיוואדיגן שעבוד צום עצם התורה, אין נישט צי קיין שום צדדיות שבעולם, כדרכם של רבותינו, אין מען קען עס זעהן אין ספר דברי יואל קלאר אז אלעס איז די שעבוד התורה, אן א צדדיות'דיגע חשבונות, אין דעלמאטס קען מען ארויס קימען מיט אן אמיתיות אין עס איבער געבן פאר תלמידים, מקבלים, אז זיי זאל זיין א לגיון של מלך מלכי המלכים, וואס זאל מקדש שם שמים זיין, ועל מנוחתם יקדישו את שמך אפילו אוועק ציגעבן די מנוחות הגוף פארן קידוש שם שמים, וירא מנוחה כי טוב ויט שכמו לסבול, אין אויך האבן אינז די מדרגה פין ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש. אין מען ברויך דאס איבער געבן ווייטער, ווייל אויב נישט, פארלירן אינז יעדען טאג, אויף אלע אופנים, פין אלע סתירות אין צירידערנישן, אדער לאט מען איבער אינגאנצען אינזער קבלה אין מען לויפט צי פרעמדע, וואס מיר הערן עס דבר יום ביומו, שעות ארוכות פין בחורים אינגעלייט, וואס זענען מבקשי השם, וואס די דור איז דאך פיל מיט ביקש. אין אזעלעכע וואס די אייבישטער זאל אפהוטען, וואס עס רירט זיי אן דאס אידישקייט, אין זיי לויפן נעבעך אוועק צי די פורקי עול, אשר אכמ"ל, וואס יעדען טאג וויפיל אינז ווייסמיר, אין וויפיל אינז ווייסן נישט, עס איז א צו השעה אין שעת חירום איבער ציגעבן די קלארקייט, אין אז מען גיט איבער מיט א פרייליכען בהירות מיט א קלארקייט אין דעם ענין, קען מען צירוק ברענגען כמה וכמה הונדערטע אינגעלייט אין בחורים צי אינזער קבלה, אין גיין מיט מסירות נפש פאר א יעדען קוצו של יוד אין די תורה, תוכו כברו, להעמיד הדת על תילה, שם לשון ומלבוש, אין די גאנצע הבדלה בין ישראל לעמים, אין נישט נתפעל ווערן פין די גאנצע ענין פין ככל הגוים בית ישראל אין כחי ועוצם ידי רח"ל וואס הערשט אין די גאס, אין מען קען גרינג צי קימען צי די טעותים.

כל אחד ואחד לפי הבנה דיליה זאל איבער געבן, זויבערע קבלות מיט פעסטע יסודות געבויעט אויף די מדרשים פין די הייליגע חכמים. זכותם וזכות תורתם זאל מגין זיין אויף אינז אז מיר זאלן קענען זיך ווארעמען ארום זייערע ווארעמע דיבורים, אין עומד בנסיון זיין קלות כבחמורות ביז מיר וועלן זוכה זיין צים זמן ורוח הטומאה אעבור מן הארץ ומלאה הארץ דעה את ה' כמים לים מכסים. אין מיר זאגן נאכאמאל אודאי האט יעדער א רעכט איבער צי געבן ווי אזוי ער וויל עס איבער געבן, אין דעם ת"ח קענען אינז, ער איז א ת"ח גדול א יראי שמים, אין עס ברענט אין אים, ווי ער האט פארשטאנען דאס ענין, אין כל אחד ואחד זאל מחשיב זיין אלעס וואס מען זאגט, אין צי קימען נאכדעם אין דערהערן יעדער איינער וויאזוי ער פארשטייט מיט הכרה אמיתיות, אין ווי א יראי שמים זאגט עפעס ברויך מען אויסהערן, ווייל אלעס העלפט צו צי די מלחמה פין די אינדרויסענדיגע וועלט, עלמא דפרודה, דאס איז די יסוד היסודות אין די ענינים, ואכמע"ל יותר. תן לחכם ויחכם עוד, ביז עס וועט זיין די ענין פין דעת קנית מה חסרת, **בביאת משיח צדקינו בב"א**.